יארגאנג 14 | 173 | חודש שבט תשפ"ב לפ"ק

פרייז ניו יארק $7.00 | מאנטריאל $7.50 | לאנדאן £500 | א"י 23 ש"ח

# די ליכטיגע היים

## די פליסיגקייט פראכט...

דורך וועלכע
די פרוכט
וואקסט מיט
אן עקסטערן




**רבי דוד'ל לעלובער זי"ע**
א מוסטער פון אהבת
ישראל און ענייות

**א ברית אדער קוממיות?**
וואס זאל ער
אויסוועלן פון ביידן?

**וחרב פיפיות בידם**
דער גרויסער
כח פונים דיבור

**וויפיל מאל טאפלט?**
נאך וואונדערליכע פאקטן
פון 'וציויתי את ברכתי'

רעדאקטירט דורך: ע. וואלערשטיין

# אַ בְּרִית, אָדער קוממיות?

בִּיסְטוּ אוֹיךְ פוּן דִי קִינְדֶער וָועלְכֶע קֶענֶען שְׁוֶוער בַּאשְׁלִיסְן וָוען זֵיי הָאבְּן צְוֵויי זַאכְן וָואס זֵיי ווִילְן גָאר שְׁטַארְק? אוֹיב יָא וֶועסְטוּ מִיךְ אַוַודַאי פַארְשְׁטֵיין. לְמָשָׁל וָוען אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן מַיינֶע זֵיידֶעס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם. דְרַיי מָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, גֶעקוּקְט אוּן גֶעטְרַאכְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁלִיסְן. בִּיז מַיין טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען מִיט מִיר אוּן עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף גָאר אַ שֵׁיינֶעם סֵפֶר אִין וֶועלְכְן עֶס אִיז דָא וֶוערְטֶער אוֹיף דִי פַּרְשָׁה אוּן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעקוֹיפְט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם. פַארְדֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר אִין הַאנְט צְוֵויי מָאל, אָבֶער אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אוּן יֶעדֶע מִינוּט הָאבּ אִיךְ גֶעטוֹישְׁט מַיין מֵיינוּנְג. אַזוֹי בִּין אִיךְ.

יֶעצְט וֶועט אִיר אַוַודַאי פַארְשְׁטֵיין דִי דִילֶעמֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וָוען דֶער רֶבִּי אִין חֵדֶר הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז מִיר וֶועלְן אִי"ה פָארְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג אַ שְׁפַּאצִיר צוּם דֶערְפְל קוֹמְמִיוּת, כְּדֵי צוּ זֶען וִויאַזוֹי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען מַפְקִיר זֵייעֶרֶע פֶעלְדֶער אוּן הִיטְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן שְׁמִיטָה, וָואס אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז דָא נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן נָאר אֵיין מָאל אִין זִיבְּן יָאר.

אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען. מֵאִיר וָואס זִיצְט נֶעבְּן מִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט דִי פִינְגֶער נָאךְ וִויפִיל טֶעג עֶס וֶועט זַיין דִינְסְטָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ אָן צוּ מַאכְן קֵיין חֶשְׁבּוֹן אִים בַּאלְד גֶעזָאגְט "נָאךְ פִינְף טֶעג."

"בִּיסְט זִיכֶער יוּדֶעלֶע?" הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט.

"יָא."

"אִיז פַארְוָואס זָאגְסְטוּ דֶעם יָא מִיט אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶע שְׁטִימֶע, אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ שְׁטְרָאף צוּ פָארְן דֶעם אוֹיסְפְלוּג?"

"עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁטְרָאף צוּ פָארְן קֵיין קוֹמְמִיוּת, אִיךְ וִויל גָאר שְׁטַארְק נָאר..."

"נָאר וָואס? וֶוער לָאזְט דִיר נִישְׁט פָארְן יוּדֶעלֶע?" - הָאט מִיר מֵאִיר אִיבֶּער-גֶעהַאקְט.

"יֶעדֶער לָאזְט מִיר, אָבֶער דִינְסְטָאג הָאבְּן מִיר בְּעֶזְרַת ד' אַ בְּרִית!" - הָאבּ אִיךְ אִים עֶרְקְלֶערְט מַיין פְּרָאבְּלֶעם.

אַ לַאנְגֶער "אאאאאאאאַה" הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן מֵאִיר'ס מוֹיל, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען.

"אִיז וָואס וֶועסְטוּ טוּן?" - הָאט מֵאִיר גֶעוָואלְט וִויסְן.

"דָאס אִיז טַאקֶע מַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן."

"בִּיז וָוען אִיר הָאט שׁוֹין אַ בְּרִית פוּן אַן אֵיינִיקְל," הָאט עֶר גֶעשָׁאקְלְט מִיט'ן קָאפּ.

אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעשָׁאקְלְט נָאךְ שְׁטַארְקֶער. מִיר הָאבְּן שׁוֹין בְּלִי עַיִן הָרָע אַכְט אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלֶע זֶענֶען גָאר זִיס אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב צוּ זַיין זֵייעֶר פֶעטֶער, אָבֶער אַ אִינְגְל אֵיינִיקְל אִיז דָאס יֶעצְט דֶער עֶרְשְׁטֶער. פוּן דִי מִינוּט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז מַיין שְׁוֶועסְטֶער פֵייגִי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי אַלֶע שִׂמְחוֹת וָואס מִיר גֵייעֶן הָאבְּן, אַ שָׁלוֹם זָכָר, אַ וַואךְ נַאכְט אוּן אַ בְּרִית.

אוּן מִיט יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיז אַרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וַוארְטְן מֶער אוּן מֶער, אוּן יֶעצְט קוּמְט מֶען זָאגְן אַז דִינְסְטָאג אִיז דָא אַ שְׁפַּאצִיר קֵיין קוֹמְמִיוּת וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ עֶפֶּעס וָואס אִיז מוֹרָא'דִיג אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הִיטְן שְׁמִיטָה. זֶען וִוי דִי פֶעלְדֶער זֶענֶען הֶפְקֵר אוּן מֶען קֶען אַרַיינְגֵיין רַייסְן. עֶס אִיז אַן אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ וָואס אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיב אִיךְ וֶועל הָאבְּן נָאךְ אַמָאל אַזַא גֶעלֶעגֶנְהַייט. שְׁמִיטָה קוּמְט דָאךְ פָאר אֵיינְמָאל אִין זִיבְּן יָאר. אִין זִיבְּן יָאר אַרוּם וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַ בָּחוּר, יְשִׁיבוֹת נֶעמְט מֶען נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ קֵיין שְׁפַּאצִיר אוֹיף קוֹמְמִיוּת. שׁוֹין, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ רֶעדְן וֶועגְן נָאךְ זִיבְּן יָאר, מָשִׁיחַ וֶועט שׁוֹין סַיְיווִי קוּמֶען בִּיז דֶעמָאלְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ קְלָאר "בְּמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית בֶּן דָוִד בָּא", אַז נָאךְ שְׁמִיטָה קוּמְט מָשִׁיחַ, אוּן אֶפְשֶׁר וֶועט עֶר קוּמֶען נָאךְ אֲפִילוּ אִינְמִיטְן שְׁמִיטָה, אֶפְשֶׁר אֲפִילוּ הַיינְט.

אָבֶער דֶערְוַוייל בִּיז דִי מִינוּט אִיז מָשִׁיחַ נָאכְנִישְׁט דָא. דֶער בְּרִית אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אוּן דֶער אוֹיסְפְלוּג אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אוּן מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ לַיידֶער נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, אִיז וִויל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אִיר זֶענְט אַוַודַאי נַייגֶערִיג צוּ וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, אוֹיב צוּ בְּלַייבְּן בַּיים בְּרִית אָדֶער פָארְן קֵיין קוֹמְמִיוּת. אִיז קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִין דִי פִינְף טֶעג וָואס עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בִּיז'ן בְּרִית אוּן בִּיז'ן אוֹיסְפְלוּג, הָאבּ אִיךְ יֶעדֶע מִינוּט גֶעטוֹישְׁט מַיין מֵיינוּנְג. אוֹיב וִוילְט אִיר וִויסְן וִויפִיל מָאל אִיךְ הָאבּ גֶעטוֹישְׁט מַיין מֵיינוּנְג, מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל מִינוּט אִיז דָא אִין פִינְף טֶעג. אַלְנְפַאלְס אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען מֶער

וויינִיגֶער אַזוֹי: אִין חֵדֶר, וֶוען יֶעדֶער הָאט גֶערֶעדְט פוּנ'ם אוֹיסְפְּלוּג, הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין מִיר דִי אִינֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת וָואס זָאגְן 'פָאר צוּם אוֹיסְפְּלוּג וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהַייט', אוּן אִינְדֶערְהַיים וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מַיין מַאמֶע קָאכְט בְּהֵמָה פְלֵייש, וַוייל עֶס אִיז אַן עִנְיָן צוּ הָאבְּן בְּהֵמָה פְלֵייש בַּיי אַ בְּרִית, הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין מִיר דִי קוֹלוֹת וָואס פִירְן מִיר צוּם בְּרִית.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארָאטְן מִיט מַיין טַאטֶע'ן אוּן מַיין מַאמֶע'ן אַזוֹי וִוי אִיךְ טוּ שְׁטֶענְדִיג, אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶעם סֵפֶר וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁלִיסְן אוּן מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן. אָבֶּער מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דָא אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל וֶועלְכְן בַּאשְׁלוּס אִיךְ וֶועל מַאכְן וֶועט עֶס זַיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי צְוֵוייטֶע, דֶערְפַאר מוּז אִיךְ זַיין דֶער וָואס מַאכְט אַלֵיין דֶעם בַּאשְׁלוּס אוּן בַּאשְׁטִימֶען וֶועלְכְן פְּרַייז עֶס לוֹינְט מִיר בֶּעסֶער צוּ בַּאצָאלְן, זַיין בַּיים בְּרִית אוּן דֶערְלַייגְן דֶעם אוֹיסְפְּלוּג, אָדֶער נִישְׁט פָארְן קַיין קוֹמְמִיּוּת אוּן אָנְטֵייל נֶעמֶען בַּיים בְּרִית. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט אַן אוּמְרוּאִיגְקֵייט, וַוייל וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג, וֶוען אִין הַארְץ אוּן אִין קָאפּ טַאנְצְן אַ גַאנְצֶע צַייט אַרוּם קֶעגְנְזַייטִיגֶע גֶעדַאנְקֶען.

צְוַויי טֶעג פַארְ'ן בְּרִית הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ בְּלַייבּ בַּיים בְּרִית. נָאךְ אַלֶעס אִיז דָאס אַן עֶרְשְׁטֶע בְּרִית פוּן אוּנְזֶער אֵיינִיקְל. יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, פִינְף אִין צָאל, וֶועלְן קוּמֶען. מַיין גְרוֹיסֶער בְּרוּדֶער שְׁמוּאֵל דָוִד וָואס וואוֹינְט וַוייט וֶועט שׁוֹין קוּמֶען פוּן בַּיינַאכְט, אוּן אִים צוּ טְרֶעפְן אִיז מִיר אַ בַּאזוּנְדֶערֶער פַארְגֶענִיגְן, וַוייל עֶר אִיז אַזַא פְרֵיילִיכֶער בְּרוּדֶער, אַלֶעמָאל אִיז גֶעשְׁמַאק אִין זַיין גֶעגְנְוַוארְט.

אוֹיךְ קוֹמְמִיּוּת אִיז מִיר גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צוּם הַארְצְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָארְן, אָבֶּער אִין דִי מִינוּט וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְדְגִילְטִיג בַּאשְׁלָאסְן, אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף מִיר. דֶער שְׁטוּרֶעם אִין מַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן הֶעלְפְנְדִיג מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס צוּגְרֵייטְן פֶּעקֶעלֶעךְ אוֹיף דִי וַואךְ נַאכְט. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן, אַז אוֹיף אַזַא חָשׁוּבֶ'ע וַואךְ נַאכְט דַארְף מֶען צוּגְרֵייטְן סְפֶּעצִיעֶלֶע פֶּעקֶעלֶעךְ פַאר דִי אִינְגֶעלֶעךְ וָואס קוּמֶען 'קְרִיאַת שְׁמַע לַיינֶען'.

פַאר מַיינֶע חֲבֵרִים אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעזָאגְט, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גוּט אַיינְקוּקְן אוּן מִיר שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין קוֹמְמִיּוּת, אַזְש אִיךְ זָאל פִילְן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען.

וֶוען אִיךְ בִּין אַהַיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר מִיט אַ גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע פוּן חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט מִיר צוּ אוּנְזֶער גְרוֹיסַארְטִיגֶע 'קְרִיאַת שְׁמַע' לַיינֶען, הָאבּ אִיךְ זֵיי נָאכְאַמָאל אָנְגֶעזָאגְט, זֵיי זָאלְן זִיךְ אִין אַלֶעס גוּט אַיינְקוּקְן אוּן צוּהֶערְן. מַיין חָבֵר מֵאִיר הָאט מִיר אֲפִילוּ גֶעזָאגְט אַז זַיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט אַ קֶעמֶערַא אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט אִים עֶס לָאזְן מִיטְנֶעמֶען אוֹיבּ עֶר וַועט עֶס גָאר שְׁטַארְק אָפְּהִיטְן, אוּן עֶר הָאט אִיר פַארְשְׁטַייט זִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט עֶס גָאר שְׁטַארְק אָפְּהִיטְן, דָאס מַיינְט אַז עֶר וֶועט קֶענֶען נֶעמֶען פוּן אַלֶעס בִּילְדֶער אוּן עֶר וֶועט מִיר עֶס דֶערְנָאךְ קֶענֶען וַוייזְן, דֶערְצֵיילְן אוּן עֶרְקְלֶערְן.

אוֹיךְ מֶער פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט עֶרְוַוארְטֶעט.

וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז, הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס קִינְד אִין זַיין בֶּעטֶעלֶע אוּן מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעלַיינְט צוּזַאמֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעטֵיילְט דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע פֶּעקֶעלֶעךְ וָואס יֶעדֶער הָאט בַּאוואוּנְדֶערְט, דֶערְנָאךְ הָאבְּן מַיינֶע חֲבֵרִים גֶעזוּנְגֶען סִימָן טוֹב וּמַזָל טוֹב אוּן הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל, אַזוֹי וִוי מִיר זִינְגֶען אַלֶעמָאל בַּיי אַ קְרִיאַת שְׁמַע לַיינֶען, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעפִירְט דָאס קְלֵיינֶע בֶּעטֶעלֶע צוּרִיק אִין צִימֶער וואוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶער דִי קִימְפֶּעטָארְן אִיז גֶעוֶוען. אוּן וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן? אַז זִי זִיצְט אוֹיף אִיר בֶּעט אוּן וַויינְט. מַיין מַאמֶע אִיז גֶעזֶעסְן נֶעבְן אִיר.

"וָואס אִיז גֶעשֶׁען?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט אַז אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַ מַאמֶע זָאל וֵויינֶען.

"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען, נָאר פְרִיעֶר אִיז דָא גֶעוֶוען דֶער מוֹהֵל וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעלְבְּזוּכְט אוּנְטֶערְזוּכוּנְג,






עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַזאַ בְּלוּט טֶעסְט, אוּן גֶעטְרָאפְן אַז דָאס קִינְד'ס גֶעלְקַייט אִיז זַייעֶר הויךְ אוּן וִוי עֶס זֶעט אויס וֶועט מָארְגְן נִישְׁט קֶענֶען זַיין דֶער בְּרִית."

אִיךְ הָאבּ אויפְגֶעמַאכְט אַ גְרויסְן מויל אוּן גְרויסֶע אויגְן. "וָואס אֱמֶת'דִיג? נָאךְ וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי פִיל גֶעגְרֵייט גֶעקָאכְט אוּן גֶעבַּאקְן אויפְ'ן בְּרִית?"

מַיין מַאמֶע הָאט אויפְגֶעהויבְּן אִיר הַאנְט צוּם הִימְל. "עֶס אִיז דָא אֵיינֶער דָארְט אויבְן וָואס פִירְט אוּנְז. אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעבָּאטְן אַז מִיר זָאלְן מַאכְן אַ בְּרִית בַּיים אַכְטְן טָאג, אָבֶער נָאר פַאר אַ גֶעזוּנְטֶע בֶּעיבִּי. אויבּ דֶער בֶּעיבִּי אִיז גֶעל, אִיז דִי מִצְוָה צוּ וַוארְטְן אוּן נִישְׁט צוּ מַאכְן דֶעם בְּרִית אִין אַכְטְן טָאג נָאר וֶוען דֶער בֶּעיבִּי וֶועט שׁוֹין זַיין גֶעזוּנְט."

"אִיז וֶועגְן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ קְרִיאַת שְׁמַע לַיינֶען פַאר אוּמְזִיסְט?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעלַיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע הֶערְלִיכֶע פֶּעקֶעלֶעךְ אַלֶעס פַאר גָארְנִישְׁט.

"נִישְׁט פַאר אוּמְזִיסְט!" הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט מַיין טַאטֶע'ס שְׁטִימֶע וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין צִימֶער. "עֶרְשְׁטְנְס אִיז אַן עִנְיָן יֶעדְן טָאג צוּ לַיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע נֶעבְּן וִויגֶעלֶע פוּן קִינְד. צְוֵייטְנְס, דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן אַז דָאס גֶעלְקַייט זָאל אַרָאפְּגֵיין בִּיז מָארְגְן פַאר דִי שְׁקִיעָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט יָא קֶענֶען זַיין דֶער בְּרִית, אַזוֹי אַז אַ וַואכְנַאכְט וֶועט זַיין, אוּן דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז וַוייטֶער פִירְן צוּם גוּטְן. מִיר קֶענֶען דַאוֶוענֶען, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער."

אִיךְ הָאבּ גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ כָּאטְשׁ אִין הַארְץ אִיז מִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער. בִּיז מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַמָאל אַ בְּרִית בַּיי אַן אֵייניִקְל, אוּן מִיר הָאבְּן אַזוֹי פִיל צוּגֶעגְרֵייט, זָאל עֶס כָּאטְשׁ זַיין אִין צַייט.

"אִיז קֶען אִיךְ פָארְן קֵיין קוֹמְמִיוּת?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ פְלוּצְלִינְג גֶעכַאפְּט. אויבּ מִיר הָאבְּן נִישְׁט אַ בְּרִית קֶען אִיךְ דָאךְ אָנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי נְסִיעָה.

"יָא, לִכְאוֹרָה קֶענְסְטוּ פָארְן. אָבֶער וָואס יָא, מֶען וֶועט מָארְגְן צוּפְרִי מַאכְן נָאךְ אַ בְּלוּט טֶעסְט אוּן קָאנְטְרָאלִירְן זַיין גֶעלְקַייט. דוּ וֶועסְט גֵיין אִין חֵדֶר, אוּן נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען וֶועסְטוּ אָנְרוּפְן אוּן אויבּ עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית וֶועסְטוּ אַהֵיימְקוּמֶען."

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּ פָארְן. אַיינְגֶעפַּאקְט אַבִּיסְל נַאשׁ אוּן אַבִּיסְל פוּן דִי קוּכְן וָואס מֶען הָאט גֶעבַּאקְן לִכְבוֹד'ן וַואךְ נַאכְט אוּן לִכְבוֹד דֶעם בְּרִית. כָּאטְשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט, אַז אויבּ עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית וֶועל אִיךְ צוּרִיק אַהֵיימְקוּמֶען. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין סָפֵק אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט דֶערְלֵייגְן דֶעם בְּרִית.

אויפְמָארְגְן בַּאלְד נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, הָאבּ אִיךְ אַהֵיימְגֶערוּפְן. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט. "מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּלוּט טֶעסְט, אוּן עֶס שְׁטֵייט אויף דֶעם זֶעלְבְּן נוּמֶער וִוי נֶעכְטְן בַּיינַאכְט, נִישְׁט אַרויף אוּן נִישְׁט אַרָאפּ."

"אִיז וָואס מֵיינְט דָאס?" הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן קְלָאר אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען 'דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר'.

"דָאס מֵיינְט אַז לִכְאוֹרָה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט אַז דֶער בְּרִית זָאל זַיין."




עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַזַא בְּלוּט טֶעסְט, און גֶעטְרָאפְן אַז דָאס קִינְד'ס גֶעלְקַייט אִיז זַייעֶר הוֹיךְ און וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט מָארְגְן נִישְׁט קֶענֶען זַיין דֶער בְּרִית."

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן מוֹיל און גְרוֹיסֶע אוֹיגְן. "וָואס אֶמֶת'דִיג? נָאךְ וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי פִיל גֶעגְרַייט גֶעקָאכְט און גֶעבַּאקְן אוֹיפְ'ן בְּרִית?"

מַיין מַאמֶע הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיר הַאנְט צוּם הִימְל. "עֶס אִיז דָא אֵיינֶער דָארְט אוֹיבְן וָואס פִירְט אוּנְז. און עֶר הָאט אוּנְז גֶעבָּאטְן אַז מִיר זָאלְן מַאכְן אַ בְּרִית בַּיים אַכְטְן טָאג, אָבֶּער נָאר פַאר אַ גֶעזוּנְטֶע בֶּעיבִּי. אוֹיבּ דֶער בֶּעיבִּי אִיז גֶעל, אִיז דִי מִצְוָה צוּ וַוארְטְן און נִישְׁט צוּ מַאכְן דֶעם בְּרִית אִין אַכְטְן טָאג נָאר וֶוען דֶער בֶּעיבִּי וֶועט שׁוֹין זַיין גֶעזוּנְט."

"אִיז וֶועגְן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ קְרִיאַת שְׁמַע לַיינֶען פַאר אוּמְזִיסְט?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען און גֶעלַיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, און בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע הֶערְלִיכֶע פֶּעקֶעלֶעךְ אַלֶעס פַאר גָארְנִישְׁט.

"נִישְׁט פַאר אוּמְזִיסְט!" הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט מַיין טַאטֶע'ס שְׁטִימֶע וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין צִימֶער. "עֶרְשְׁטְנְס אִיז אַן עִנְיָן יֶעדְן טָאג צוּ לַיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע נֶעבְּן וִויגֶעלֶע פוּן קִינְד. צְוַייטְנְס, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן אַז דָאס גֶעלְקַייט זָאל אַרָאפְּגֵיין בִּיז מָארְגְן פַאר דִי שְׁקִיעָה, און דֶעמָאלְט וֶועט יָא קֶענֶען זַיין דֶער בְּרִית, אַזוֹי אַז אַ וַואכְנַאכְט וֶועט זַיין, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז וַוייטֶער פִירְן צוּם גוּטְן. מִיר קֶענֶען דַאוֶונֶען, און מִיר דַארְפְן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער."

אִיךְ הָאבּ גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ כָּאטְשׁ אִין הַאֶרֶץ אִיז מִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער. בִּיז מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַמָאל אַ בְּרִית בַּיי אַן אֵיינִיקְל, און מִיר הָאבְּן אַזוֹי פִיל צוּגֶעגְרַייט, זָאל עֶס כָּאטְשׁ זַיין אִין צַייט.

"אִיז קֶען אִיךְ פָארְן קַיין קוֹמְמִיוּת?" הָאבּ אִיךְ זִיךְ פְלוּצְלִינְג גֶעכַאפְּט. אוֹיבּ מִיר הָאבְּן נִישְׁט אַ בְּרִית קֶען אִיךְ דָאךְ אָנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי נְסִיעָה.

"יָא, לִכְאוֹרָה קֶענְסְטוּ פָארְן. אָבֶּער וָואס יָא, מֶען וֶועט מָארְגְן צוּפְרִי מַאכְן נָאךְ אַ בְּלוּט טֶעסְט און קָאנְטְרָאלִירְן זַיין גֶעלְקַייט. דוּ וֶועסְט גֵיין אִין חֵדֶר, און נָאכְ'ן דַאוֶונֶען וֶועסְטוּ אָנְרוּפְן און אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית וֶועסְטוּ אַהֵיימְקוּמֶען."

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּ פָארְן. אַיינְגֶעפַּאקְט אַבִּיסְל נַאשׁ און אַבִּיסְל פוּן דִי קוּכְן וָואס מֶען הָאט גֶעבַּאקְן לְכָבוֹד'ן וַואךְ נַאכְט און לְכָבוֹד דֶעם בְּרִית. כָּאטְשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט, אַז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית וֶועל אִיךְ צוּרִיק אַהֵיימְקוּמֶען. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִי[illegible] גֶעהַאט קַיין סָפֵק אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט דֶערְלַייגְן דֶעם בְּרִית.

אוֹיפְמָארְגְן בַּאלְד נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, הָאבּ אִיךְ אַהֵיי[illegible]. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט. "מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּלוּט טֶ[illegible] און עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן נוּמֶער וִוי נֶעכְטְן בַּיינַאכְט, נִישְׁט אַר[illegible] נִישְׁט אַרָאפּ."

"אִיז וָואס מֵיינְט דָאס?" הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן קְלָ[illegible] נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען 'דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר'.

"דָאס מֵיינְט אַז לִכְאוֹרָה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִי רִי[illegible] אַז דֶער בְּרִית זָאל זַיין."

אַנְטַארְקְטִיקֶע אִיז אֵיינֶע פוּן דִי אַיינְזַאמֶע יַבָּשׁוֹת אִין דִי וֶועלְט, וָואס אִין דִי מֶערְהַייט צַייט פוּן יָאר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן דָארְט בַּעֲלֵי חַיִּים צוּלִיב דִי עֶקְסְטְרֶע קְלִימַאט. דָאךְ, בַּיי דִי פְרִילִינְג-זוּמֶער צַייט, פוּן סֶעפְּטֶעמְבֶּער בִּיז מַארְטְשׁ - וֶוערְן דִי אִינְזְלֶען אַרוּם אַנְטַארְקְטִיקֶע אוּן אוֹיךְ דִי יַבָּשָׁה אַלֵיין, פוּל מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וָואס קוּמֶען אוֹיסְנִיצְן דִי שֶׁפַע אִין יֶענֶעם סֶעזָאן. אִין דִי צַייט קֶען מֶען דָארְט זֶען פַארְשִׁידֶענֶע בַּעֲלֵי חַיִּים ווִי לְוִויָתָן'ס, יַם הִינְט, פִּינְגְווִינְס אוּן אַרוּם הוּנְדֶערְט מִילְיָאן פֵייגְל וָואס בּוֹיעֶן דָארְט זֵייעֶר נֶעסְט.

## דער פעלדזן פינגווין



אִין אַנְטַארְקְטִיקֶע זֶענֶען דָא אַכְט סָארְטְן פִּינְגְווִינְס. דָאס זֶענֶען דִי פֵייגְל וָואס זֶענֶען דָארְט דִי מֶערְסְטֶע גֶאנְגְבַּאר.

**דֶער קֵייסֶערְלִיכֶער פִּינְגְווִין**, אִיז אַיינְגֶעבָּארְטִיג אוֹיף אַנְטַארְקְטִיקֶע. עֶס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער אוּן שְׁוֶוערְסְטֶער פִּינְגְווִין. זַיין הוֹיךְ קֶען דֶערְגְרֵייכְן צוּ 48 אִינְטְשׁ (122 ס"מ) אוּן זֵייעֶר וָואג אִיז צְווִישְׁן 48 אוּן 99 פוּנְט (45-22 ק"ג). אָט דֶער פִּינְגְווִין ווִי אַלֶע פִּינְגְווִינְס קֶען עֶר נִישְׁט פְלִיעֶן, אוּן זַיינֶע פְלִיגְלֶען זֶענֶען הַארְט אוּן פְלַאךְ כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען שְׁווִימֶען.

עֶר שְׁפַּייזְט זִיךְ פוּן קְלֵיינֶע פִישְׁלֶעךְ אוּן טִינְטְפִישְׁלֶעךְ. כְּדֵי זֵיי צוּ פַאנְגֶען דַארְף עֶר אַרַיינְשְׁווִימֶען אַזוֹי טִיף פוּן 490 בִּיז 820 פִיס (250-150 מ') אוּנְטֶערְן וַואסֶער אִין דָרוֹם אָקֶעאַן. עֶר קֶען הַאלְטְן זַיין אָטֶעם בִּיז 18 מִינוּט אוּנְטֶער'ן וַואסֶער.

דֶער קֵייסֶערְלִיכֶער פִּינְגְווִין אִיז דֶער אַיינְצִיגְסְטֶער בַּעַל חַי וָואס בְּלַייבְּט לֶעבְּן אִין אַנְטַארְקְטִיקֶע אוֹיךְ אִינְ'ם פַארְפְרוֹירֶענֶעם ווִינְטֶער. דֶער קְלִימַאט אִיז עֶקְסְטְרֶע קַאלְט אוּן קֶען דֶערְגְרֵייכְן בִּיז מִינָאס 58 גְרַאד (מִינָאס 50 צֶעלְסִיוּס). דָאךְ זֶענֶען זֵיי מַצְלִיחַ צוּ הִיטְן אוֹיף דִי הִיץ פוּן זֵייעֶר קֶערְפֶּער וָואס אִיז אַרוּם 98 גְרַאד (37 צֶעלְסִיוּס) דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי שְׁטוּפְּן זִיךְ צוּזַאמֶען אִין גְרוּפֶּעס פוּן אַ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט שְׁטִיק.

## דער קייסערליכער פינגווין





ווִינְטֶער אִיז דִי צַייט וָואס דֶער קֵייסֶערְלִיכֶער פִּינְגְווִין מֶערְט זִיךְ, אוּן ווִיבַּאלְד עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ בַּעֲלֵי חַיִּים אִין גֶעגְנְט הֶעלְפְט זֵיי עֶס צוּ קֶענֶען זִיךְ מֶערְן אִין אַן אָרְט וואו עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין פַארְצוּקֶער.

דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פוּנְ'ם קֵייסֶערְלִיכֶער פִּינְגְווִין צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ: נָאךְ וָואס דִי מַאמֶע לֵייגְט אַיין אֵיינְצִיגֶע אֵיי, גֶעבְּט זִי עֶס אִיבֶּער פַארְן טַאטְן צוּ הִיטְן. אוּן אִין צַייט וָואס זִי גֵייט אַרוֹיס אוֹיף אַ לַאנְגֶע רַייזֶע אוֹיף דִי אַייז פוּן אַנְטַארְקְטִיקֶע, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין אוֹיף זַיין אָרְט מֶער ווִי דְרַיי מָאנַאט, וֶוען דִי אֵיי לִיגְט אוֹיף זַיינֶע פִיס פְלַאכְן. אַ בַּייג אִין אוּנְטֶערְשְׁטְן טֵייל פוּן זַיין בּוֹיךְ וַוארֶעמְט דִי אֵיי אִין צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פַארְמֶעסְטְן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קֶעלְט אוּן שְׁטַארְקֶע ווִינְטְן. אוּן אִין דִי צַייט עֶסְט עֶר גָארְנִישְׁט. אִין דִי צַייט וָואס דֶער טַאטֶע הִיט אוֹיף דִי אֵיי אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם פִּינְגְווִין וָואס שְׁפְּרָאצְט אַרוֹיס, גֵייט דִי מַאמֶע אוֹיף מוֹרָא'דִיגֶע ווַייטְקֵייטְן, הוּנְדֶערְט מֵיילְן, כְּדֵי אָנְצוּקוּמֶען צוּם אָקֶעאַן, וואו זִי פַאנְגְט פִיש. וֶוען זִי קֶערְט זִיךְ צוּרִיק נָאךְ אַרוּם צְווֵיי מָאנַאט, דֶערְקֶענְט זִי אִיר מַאן אוּן קִינְד צְווִישְׁן דִי פִיל אַנְדֶערֶע פִּינְגְווִינְס דוּרְךְ עֶקְסְטְרֶע קוֹלוֹת וָואס זִי לָאזְט הֶערְן. אַצִינְד אִיז אִיר רֵייעֶ צוּ הִיטְן אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם קִינְד, וֶוען דֶער טַאטֶע גֵייט אַרוֹיס צוּ אַזַא סָארְט רַייזֶע פוּן וֶועלְכֶע זִי הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט, אָבֶּער נִישְׁט אֵיידֶער זֵיי פִירְן אַרִיבֶּער זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג דֶעם קְלֵיינֶעם פוּן דִי פִיס פוּן טַאטְן צוּ דִי פִיס פוּן דִי מַאמֶע. אוּן אַזוֹי בִּיז עֶר וֶועט וַואקְסְן אוּן זִיךְ קֶענֶען [illegible] דֶעם פַארְפְרוֹירֶענֶעם בָּאדְן וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן טוֹישְׁן צְווִישְׁן זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְ[illegible] אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם אוּן דֶער צְווֵייטֶער זוּכְט שְׁפַּייז, אוּן פַארְקֶערְט.









## דער וואַנדערדיגער אַלבּאַטראָס

דער וואַנדערדיגער אַלבּאַטראָס האָט די לענגסטע פליגלען צושפּרייטונג אין די וועלט, אַרום 11.5 פיס (3.5 מ'), און דאָס דערמעגליכט אים איינצושלינגען ווייטקייטן פון צענדליגער מיילס אָן צו דאַרפן רירן זיינע פליגלען, און ווייבאַלד ער ניצט אַזוי ווייניג ענערגיע ביים פליען, קען ער אַריבערפאָרן ביז 620 מייל (טויזנט ק"מ) אַ טאָג, מער ווי יעדע אַנדערע פליענדע בעל חי אין די וועלט.

נאָך וואָס זיי זענען אַריבערגעפלויגן איבערן אָקעאַן עטליכע יאָר, אָן צו אַראָפּלייגן זייערע פיס אויף דער ערד, וועט דער אַלבּאַטראָס פויגל, אַלט זייענדיג צווישן זיבן און צען יאָר - צוריקגיין צום אָרט פון וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן, כדי אויפצוהאָדעווען אַ נייעם דור.



## דער דרום'דיגער ים עלעפאַנט, האָט אַ שווערן קערפּער מיט אַ מאָדנע נאָז.

עס איז דער גרעסטער ים זויג בּאַשעפעניש פון די ים הינט משפּחה, און דער גרעסטער פון די פּאַרצופּער. אַ גרויסער זכר קומט אָן צום לענג פון 22 פיס (7 מ') און וועגט 4 טויזנט טאָן. זיי לעבן בעיקר אין אַנטאַרקטיקע. מען פלעגט זיי פאַנגען צוליב די פעטנס פון זייער קערפּער, היינט אָבער איז מען מצליח אָפּצושטעלן אַ גרויסן טייל פונ'ם פאַנג, דאָך זענען די ים עלעפאַנטן אין אַ סכנה פון פאַרטיליגט ווערן.

ער איז זייער שטאַרק און קען שווימען ביז די טיפקייט פון מער ווי 5500 פיס (1,700 מ'). ער קען בלייבן ביז צוויי שעה אונטערן וואַסער. די ים עלעפאַנטן לעבן אין גרויסע גרופּעס. זיי מערן זיך אין די יבשה אָבער פאַרברענגען זייערע ווינטערס אין די אַנטאַרקטיקע פאַרפרוירענע וואַסערן נעבן די אייז-בערג.

אין די לעצטע יאָרן האָבן פאָרשער אַרויפגעלייגט אַ מאַשינקעלע וואָס קוקט נאָך די דרום'דיגע ים עלעפאַנטן, און אַנטדעקט צו זייער איבעראַשונג, אַז דער גרויסער ים בעל חי, איז געשוואומען אין ווייניגער ווי אַ יאָר, די ווייטקייט פון אַרום 18 טויזנט מייל (29 טויזנט ק"מ).

## דער טויטליכער לוויתן (אורקאַ)

די אורקאַ'ס געהערן צו די ציין לוויתנ'ס וואָס זענען טעטיגע גרויסע פּאַרצופּער. זייער גרויס איז צווישן 15 און 50 פיס (5 און 10 מ') און זיי וועגן צווישן 6-4 טאָן. זיי לעבן אינאיינעם אין גרופּעס פון עטליכע צענדליגער לוויתנ'ס.

די טויטליכע לוויתנס ווערן גערעכנט אַלס די גרעסטע פּאַרצופּער אין ים (קיינער פּאַרצופּט זיי נישט, אויסער מענטשן וואָס פאַנגען זיי...) און זיי האָבן אַ הויכע אינטעליגענציע מיט קאָמיוניקירן, פאַנגען אויף אַ קלוגן אופן און מיטאַרבעטן צוזאַמען. זייער שפּייז איז פאַרשידנאַרטיג און קען ענטהאַלטן פיש, ים הינט און אַנדערע קלענערע לוויתנס. מען האָט נאָכגעקוקט עטליכע גרופּעס וואָס שפּייזן זיך פון ים הינט און געזען ווי זיי אַרבעטן צוזאַמען. שווימען שנעל אין אַ גרופּע אונטער אַ שווימענדיגער אייזבאַרג, אויף צו פאַבריצירן אַ כוואַליע וואָס זאָל אַראָפּ וואַרפן דעם ים הינט וואָס ליגט אויפ'ן אייזבאַרג.



# הערט און קלערט

1

כ'האב היינט נאכנישט פארקויפט אפילו איין פאר שיך - באטראכט פיניע דער שיך פארקויפער זיין אנגעפאקטן טישל מיט באקוועמע גוטע שיך. וואס איז געשען? היינט נויטיגט זיך קיינער נישט אין נייע שיך? אדער איז זיין טישל נישט גענוג ציענד? איז וואס קען ער טון? די ערשטע זאך וועט ער ריינעגן זיין טישל, דערנאך קומט די רייע פון איבערגלאנצן יעדע שוך באזונדער. פיניע קוקט זיך ארום. מעכטיג, אלעס גלאנצט. אבער אינטערעסאנט ביי יאסל איז פול, און ביי אים איז ליידיג, וואס איז דער סוד? אה, ער פארשטייט שוין אלעס. נעבן יאסל'ס בענקל ליגט א גרויסער באקס פון פארב.





2

יאסל טוט צו דער זאך, ער גייט פארבן זיין בענקל, ער היט צו מאכן א גוטן איינדרוק און ציען די קונדן. ער מוז עס אויך טון. "דו ווייסט יאסל, איך האב פונקט געטראכט, אז ס'איז שוין געקומען די צייט איך זאל פארבן מיין בענקל. און קיין פארבינדונג אז דו גייסט עס אויך טון." זאל ער נאר נישט מיינען, יאסל, אז ער מאכט אים נאך.

"זאל דיר זיין מיט הצלחה. זעסט איך האב אפילו נישט געטראכט פון אזא געדאנק."

"אה," פיניע שאקלט מיט זיין קאפ. אמת'דיג איז ער גערעכט יאסל וועגן וואס פארבן א בענקל וואס מען זעט כמעט נישט, זיכער גייט ער פארבן זיין טישל.



3

ער וועט אויך אזוי טון, אבער נישט ווייל יאסל גייט עס טון, ער האט אליין געהאט דעם געדאנק, יאסל האט אים אפילו נישט געזאגט פון דעם איין ווארט. "איך מיין אז איך וועל טאקע צום ערשט פארבן מיין טישל," מאכט פיניע זיכער.

ר' יאסל האלט אינמיטן אפוועגן צווייבל פאר א קונד, אבער אינצווישן שמייכלט ער צו זיין שכן. "איך פריי זיך פאר דיר, עס וועט אונז אלעמען געבן א גוטער געפיל פון זיך באנייען. איך קען אפילו נישט טראכטן פון אזא געדאנק. עס איז דא אזויפיל ארבעט פאר דעם"

"דעמאלט וואס איז די פושקע פון די פארב?" הייבט פיניע אויף פארוואונדערטע ברעמען.

"אה, דאס? איינער האט דאס געבעטן איך זאל עס היטן פאר אים."

ר' יאסל הערט און קלערט
קיינער קען נישט אפנארן און פארדרייען דעם מיין,
אזוי ווי א מענטש נארט זיך אליין...

## דיני סחיטה

**יָאסל** קְוועטְשְׁט אוֹיס לִימֶענֶע זַאפְט אוֹיף צוּ גֶעשְׁמַאקֶער מַאכְן דֶעם טֵיי וָואס עֶר טְרִינְקְט.
**חַיִים** קְוועטְשְׁט אַרַיין לִימֶענֶע זַאפְט אִינ'ם גְרִינְס סַאלַאט וָואס עֶר גְרֵייט צוּ אוֹיף דִי סְעוּדָה.
**שִׁמְעוֹן** קְוועטְשְׁט אוֹיס דִי זַאפְט פוּן דִי זוֹיעֶרֶע אוּגֶערְקֶע (פִּיקְל) וַוייל עֶס אִיז עֶפֶּעס צוּ 'זַאפְטִיג'
אוּן **מֹשֶׁה** קְוועטְשְׁט אַרַיין זַאפְט אוּן אַ טְרוֹיבּ אִין מוֹיל פוּן זַיין קְלֵיינֶע שְׁוועסְטֶער.
**וָואס מֶעג מֶען יָא טוּן שַׁבָּת, אוּן וָואס טָאר מֶען נִישְׁט?**



וויבאלד דער בחור וואס לייגט די געלט אויפ'ן לינקן בענקל ... עס בענקל און מיט א כוונה עס זאל דארט
בלייבן איבער שבת, איז דער בענקל א בסיס לדבר אסור און מען טאר עס ... אנדערע בענקלען מעג מען יא נעמען,
נאכ'ן אויסשאקלען פון דארט די מוקצה זאכן. איינע וויבאלד עס ליגט דארט אויך ... איז דארט געפאלן בטעות, און
איינע ווייל עס איז נישט זיינס און מען קען נישט אסר'ן יענעמס ...

**געוואונען האט העני לייפער בית שמש 0504153822**

# ווין, מאמע, ווין...

פיל וואסערן, צווישן זיי און אים- צושיידן,
פיל טרערן, זיך געגאסן- פון זייביידן,
פון בענקשאפט, זייער הארץ צוגייט,
דאך: מיט ליבשאפט אים באגלייט.

געשיקט איבערן ים- מיט ווילן,
כאטש רוישנד זענען די געפילן,
זיי האבן קיין טראכט קיין אנדערן,
פאר תורה דארף מען וואנדערן!

און ווען עס האט די בענקשאפט,
איבערגעריכן מיטן פולסטן קראפט,
האבן זיי גלייך אן עראפלאן גענומען,
קיין ארץ ישראל דערמיט אנגעקומען.

מיט ערווארטונג, געוואנדן די טריט,
קוים אויסגעווארט אויף די מינוט,
זיך צו טרעפן מיטן באליבטן זון,
ווען זיי האבן שטענדיג אינזין.

ווי רירנד איז דער צאמטרעף געווען,
איבערראשט האבן זיי זיך, צו זען,
ווי זייער 'תכשיט' איז געשטיגן אזוי,
אין אלע הינזיכטן, געוואקסן גענוי.

מיט געפילן פון נחת אנגעפילט,
האט דער טאטע- דאך געפילט,
אז ער וויל זיך זעטיגן גענצליך,
און הערן ווי זיין זון איז מצליח.

איז ער צום ראש ישיבה אריין,
געוואלט הערן פון אים אליין,
"ווי אזוי איז מיין זון אין ישיבה?"
און אט הערט ער די תשובה:

"ברוך השם, אלעס איז פיין!"
דער טאטע, בייגט זיך מער איין,
פיללייכט האט ער עפעס פארפאסט,
דען פאר זיין זון- עפעס מער פאסט...

אבער ניין, די זעלבע איז געבליבן,
דער ענטפער, נישט איבערגעטר
פונקט ווי פאר א בחור- מיטלמע
נישט ווי פאר איינעם ערשט-קלא

דער טאטע נעמט עס אן שווער,
ער האט זיך געווינטשט אויף מער,
געווען איז ער דאך אזוי זיכער,
אז זיין זון איז- "דער" בחור ...

אזוי שפאנט ער ארויס פון צימער,
און אט: וואו ער גייט, ווי אימער,
ווי נאר מען האט אים באגעגנט,
האבן קאמפלימענטן "גערעגנט"...

"הא, איר זענט דער טאטע פון...
איך זאג אייך: איר האט א זון...
עפעס איינס אין דער וועלט!
אלע מעלות צאמגעשטעלט!!!"

גערימט האבן די מגידי שיעורים,
אים אויסגעלויבט- די חברים,
דער טאטע הערט און שטוינט,
נו, זיין קומען האט זיך געלוינט!

דאך, האט אים געציפט אין הארצן,
זיין שמחה איז נישט אינגאנצן,
פארוואס האט דער ראש ישיבה,
אים געגעבן אזא קאלטע תשובה?!

און ווען דער טאטע איז ווידער אריין,
צום ראש ישיבה, וועלנדיג פארשטיין,
האט אים דער ראש ישיבה אויסגעהערט,
און מיט א מעשה, אים דאס ערקלערט:

"געוועזן איז עס ווען מען האט, מיין ברודער-
געוואלט, חלילה, נעמען אין מיליטער,
איז מיין מאמע, צו מיין טאטע אריין,
אויספלאצנדיג אין א ביטערן געוויין.

געבעטן האט זי פון טאטן א ברכה,
געפאדערט מיט הכנעה, א הבטחה,
אבער דער טאטע,
אויך א גרויסער תלמיד חכם טאקע.

ער האט בלויז געענטפערט טרוקן:
"השי"ת וועט העלפן. א ישועה שיקן"
די מאמע האט וויינען פארגעזעצט,
איר תהלימ'ל נאכמער באנעצט.

פארביי זענען טעג און אויך וואכן,
די מאמע איז נאך אלץ צובראכן,
זארגט זיך פאר'ן גורל פון איר זון,
דאוונט פאר אים, האט אים אינזין.

איר מאמע- זי זעט דאס איין,
גייט זי צו איר איידעם אריין,
דערציילט ווי זיין ווייב קלאגט,
און אט- מיט רואיגקייט ער זאגט:

"זארגט זיך נישט איבער זיין שיקזאל,
ער וועט נישט גענומען ווערן בכלל!"

צו איר טאכטער- זי טוט זיך איילן,
מיטן הבטחה. טוט זי איר מיטטיילן.

די מאמע, פארווישט די טרערן,
און טוט זיך, פארט, וואונדערן:
"געוויינט האב איך אזוי לאנג,
ווען איך ווייס דאס פון אנפאנג..."

האט איר היילינגער מאן ערקלערט,
פארוואס ער האט טרוקן געענטפערט,
די הבטחה געטון פון איר פארהוילן,
"דען א מאמע דארף וויינען און פועל'ן..."

מיט דעם עפיזאד, האט דער ראש ישיבה,
ערקלערט פאר'ן טאטן- זיין טרוקענע תשובה,
"איר האט א חשוב'ן זון, ממש א זעלטנהייט!
איך טשאטשקע זיך מיט אים, ביי יעדע געלעגנהייט.

דאך, האב איך אים נישט אויסגעלויבט צופיל
וייל: איר זאלט ווייטער מתפלל זיין- איך וויל!
דאוונט נאך אלץ, פארגיסט הייסע טרערן
אייער זון זאל ווייטער- זיין שטייגן מערן!"

פאר ראש השנה לאילנות- שטייען מיר,
עס טרייסלען די בלעטער אוןביימער,
זיי ווילן א פליסיגקייט זאל זיי באנעצן,
זייער בליאונג- זאל קענען פארזעצן.

אויך די 'ביימעלעך' פון אונזער 'גארטן',
ווילן וואקסן ערליך, שיין און געראטן,
לאמיר, אלזא, דאס תהלימ'ל באנעצן,
בעטן זייער בליאונג זאל פארזעצן...

# ח אוצרות אן קאנטראל

"לָאז מִיר בִּיטֶע אָפּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען פוּן דִיר קַיין אַיין שָׁעפֶּעלֶע אוּן קַיין אַיין צִיג," בֶּעט זִיךְ יוֹנָתָן פוּנ'ם פַּאסְטֶעךְ. וָואס וִויל עֶר פוּן זַיין לֶעבְּן?

"דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרַייעֶן פוּן מִיר. עֶס אִיז נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען גַנְבֶ'עט פוּן מִיר. דָאס מָאל וֶועל אִיךְ דִיר שׁוֹין בַּאצָאלְן פַאר אַלֶע דַיינֶע גְנֵבוֹת!"

"חַס וְשָׁלוֹם!" יוֹנָתָן אִיז עֶרְשִׁיטֶערְט. "עֶס שְׁטֵייט אִין אוּנְזֶער תּוֹרָה לֹא תִּגְנוֹב, עֶס אִיז פַארְבָּאטְן צוּ נֶעמֶען עֶפֶּעס וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אוּנְז."

אֲחִיטוּב אוּן יְחִיאֵל'ס אוֹיגְן פַאלְן כִּמְעַט אַרוֹיס פוּן דִי לֶעכֶער פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק. וָואס וִויל דֶער פַּאסְטֶעךְ פוּן זֵייעֶר חָבֵר?

"מֶען מוּז אִים גֵיין רַאטֶעוֶוען!" זָאגְט אֲחִיטוּב שְׁטִיל אַרַיין פַאר יְחִיאֵל'ן אִין אוֹיעֶר.



"אִיךְ צִיטֶער!" יְחִיאֵל הֵייבְּט כִּמְעַט אָן צוּ וֵויינֶען. "מִיט וָואס קֶענֶען מִיר אִים הֶעלְפְן?"

"אוֹיךְ אִיךְ צִיטֶער, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז." אֲחִיטוּב הֵייבְּט זִיךְ אָן אַרוֹיסְצוּשַׁארְן פוּן צְוִוישְׁן דִי גֶעוִויקְסְן, יְחִיאֵל הִינְטֶער אִים.

"עֶר אִיז אוּנְזֶער חָבֵר," וַוייזְט עֶר אוֹיף יוֹנָתָן. "מִיר לֶערְנֶען כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית מִדְרָשׁ, וָואס עֶפֶּעס זָאלְן מִיר גַנְבֶ'עֶנֶען פוּן דַיינֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ?"

"שְׁוַויְיג, וָואס טוּט אִיר אוֹיבּ אַזוֹי דָא נֶעבְּן דֶעם שִׂילוֹחַ? אִיר זֶענְט אַלֶע גַנָבִים." דֶער כּוּתִי הֵייבְּט אָן צוּ לוֹיפְן צוּ זֵייעֶר רִיכְטוּנְג. יְחִיאֵל הֵייבְּט אָן צוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן אֲחִיטוּב נָאךְ אִים.





יְחִיאֵל פְּרוּבִּירְט צוּ כַאפְּן לוּפְט. "וָואס וֶועט זַיין מִיט יוֹנָתָן?" קוּקְט עֶר אוֹיף אֲחִיטוּב אִינְמִיטְן זַיין גֶעלוֹיף.

"אִיךְ וַוייס נִישְׁט, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג אַז יוֹנָתָן אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין מִיט אִים." אֲחִיטוּב שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוֹיף אַ מִינוּט אוּן דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ יוֹנָתָן מִיטְ'ן פַּאסְטֶעךְ.

"אָבֶּער וָואס וָואלְט גֶעהָאלְפְן וֶוען דֶער פַּאסְטֶעךְ וָואלְט אוּנְז אוֹיךְ גֶעכַאפְּט?" זָאגְט יְחִיאֵל וֶוען צְוֵויי טְרֶערְן גְלִיטְשְׁן זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף זַיינֶע בַּאקְן.

"בִּיסְט גֶערֶעכְט," אִיז אֲחִיטוּב מַסְכִּים. "אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען נָאכְקוּקְן זֶען וואוּ דֶער פַּאסְטֶעךְ נֶעמְט אִים, אוּן מִיר וֶועלְן אִים קֶענֶען רַאטֶעוֶוען מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף."

קַדְמִיאֵל גִיסְט אַרַיין וַואסֶער אוֹיף דִי מֶעל אוּן הֵייבְּט אָן צוּ קְנֶעטְן, וֶוען זַיין בְּרוּדֶער זְרַחְיָה קוּמְט אַרַיין אִינְ'ם קְלֵיינֶעם צִימֶער'ל וָואס דִינְט אַלְס אַ קָאךְ.

"קַדְמִיאֵל, הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט קְרִיגְן מִיט אֲחִיטוּב אוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער," דֶערְנֶיענְטֶערְט זִיךְ זְרַחְיָה צוּ זַיין בְּרוּדֶער. "עֶס אִיז סְתָם גֶעוֶוען אַ נַארִישֶׁע קְרִיגֶערַיי."

"אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעקְרִיגְט?" הֵייבְּט קַדְמִיאֵל אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן פוּן טֵייג שִׁיסְל, אוּן זַיינֶע בְּלִיקְן שִׁיקְן בְּלִיצְן פוּן כַּעַס." דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פוּן זֵייעֶר זַייט."

"דוּ וֵוייסְט קַדְמִיאֵל אַז אִיךְ בִּין אִין דַיין זַייט, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זָאג אִיךְ דִיר אַז פַאר דַיין טוֹבָה אִיז דִיר נִישְׁט כְּדַאי אַזוֹי שְׁנֶעל צוּ וֶוערְן בְּרוֹגֶז."



"אִיךְ בִּין דַיין גְרוֹיסֶער בְּרוּדֶער אוּן אִיךְ וַוייס בֶּעסֶער וָואס אִיז מַיין טוֹבָה. שְׁטֶער מִיר דָא נִישְׁט.

"גוּט קַדְמִיאֵל אִיךְ וִויל דִיר טַאקֶע נִישְׁט שְׁטֶערְן, אִיךְ וִויל דִיר נָאר הֶעלְפְן," פְּרוּבִּירְט זְרַחְיָה אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן זַיין עֶלְטֶערְן בְּרוּדֶער.

"אוֹיבּ אַזוֹי, קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן מַאכְן בַּאלְד פוּן דִי טֵייג, אִיךְ זָאל עֶס דֶערְנָאךְ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אוֹיוְון, אַזוֹי וֶועלְן מִיר עֶנְדִיגְן שְׁנֶעל אוּן קֶענֶען גֵיין זוּכְן דֶעם אוֹצָר."

אַן אַנְגֶענֶעמֶער גֶערוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ צוּשְׁפְּרֵייטְן אִין הוֹיז. "דוּ וֵוייסְט קַדְמִיאֵל נֶעכְטְן בַּיים עֶסְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר אֶפְרַיִם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן, עֶר הָאט זִיךְ פָּשׁוּט בַּאלֶעקְט מִיט דַיינֶע בְּרוֹיט!"



וִוי נָאר קַדְמִיאֵל הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי לֶעצְטֶע פִּיתָּה פוּן אוֹיוְון, מַאכְן זֵיי זִיךְ גְרֵייט אַרוֹיסְצוּגֵיין.

"לָאמִיר אַרָאפְּגֵיין צוּם שִׁילוֹחַ קְוַואל, דָארְט אִין גֶעגְנְט דַארְף זַיין דֶער צְוֵוייטֶער אוֹצָר."

"אַיינֶער אִיז דָארְט!" וַוייזְט זְרַחְיָה מִיטְ'ן פִינְגֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אָן נֶענְטֶער. "נִישְׁט אֵיינֶער נָאר צְוֵויי!" בַּאמֶערְקְט קַדְמִיאֵל. "אֲחִיטוּב אוּן יְחִיאֵל." קַדְמִיאֵל וֵוייסְט נִישְׁט פוּנְקְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאצִיעֶן צוּ זֵיי, עֶר בְּלַייבְּט שְׁטֵיין. אָבֶּער פַארְוָואס וֵויינְט יְחִיאֵל אַזוֹי בִּיטֶערְלִיךְ? וָואס אִיז גֶעשֶׁען?



# פוגעלייגטע פוויגן



## ווער העלפט און ווער פירט

אין די קאפיטלען סעריע באקענען מיר זיך מיט פרוי שפיגלבארג און איר פאמיליע.

מיכאל און זיין פרוי אסתי וואס זענען געפארן בסוד, צו זייער זיידע באבע אין אריזאנא, פארהאלטן זיך צוליב א זאמד שטורעם. שיינדי וואס פארמעסט זיך מיט איר אברהמ׳ וואס איז היפעראקטיוו, רעדט זיך אויס פאר איר שוועגערין פראדל אז זי קען שוין מער נישט האלטן אסתי׳ס קינדער. זיי גייען אריבער צו פראדל.

אין פאריגן קאפיטל, שיינדל באקט א קוכן מיט איר שכנה שפרה די אלמנה, און זיי רעדן זיך צונויף אז יעדער איינער האט ערטער וואו ער איז שטארק און וואו ער איז שוואך. און וויאזוי מען קען זיך פארמעסטן ווען איינער באטרעפט אונז פונקט דארט וואו מיר האבן א שוואכקייט.

בילא האט געשטופט דאס צווילינג וועגעלע שנעל, עס איז איר נישט געווען גרינג, אבער זי האט נאכאנאנד געשטופט שנעלער און שנעלער. נישט דער בארג ארויף האט איר אפגעהאלטן, און אויך נישט איר אטעם וואס איז געווארן שנעל און פלאך פירנדיג דריי קינדער, דעם קליינעם ברוך׳ל אין איין וועגעלע, נעבן אים די גרעסערע יוכבד, און די גרויסע נחמי וואס איז געזעסן פארנט אויפ׳ן טרעפל פון וועגעלע. מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף וועט זי עס דורכמאכן. יעצט מוז זי גיין שנעל, יעדע מינוט שפילט א ראלע.

נחמי קען שוין געווענליך גיין און צוהאלטן שיין די וועגעלע, אבער נישט ווען איר מאמע יאגט זיך און מוז אניאגן צו זיין צייטליך ביים דאקטער.

דער זייגער איז 5:25 זי האט נאך פינף מינוט ביז די צייט פון איר רייע, זי וויל אריינגיין צום דאקטער צייטליך, און דאן וועט זי נאך אויך קענען אניאגן צו גיין זען קאפ׳ס הויז. בלויז היינט האט זי געהערט אז קאפ ווילן פארקויפן זייער הויז, עס זעט איר אויס אז עס קען פאסטן פאר פאמיליע שטראסבורג וואס זוכט צו קויפן אין דעם געגנט. אבער דער ערשטער כלל אין איר מעקלעריי ארבעט איז, אז בעפאר זי שיקט א קליענט זען א דירה, גייט זי עס אליין קאנטראלירן. זי מיט איר פראקטיק און איר שארפן בליק כאפט אין איין מינוט אויף זאכן וואס אנדערע כאפן נישט אין אפאר שעה. און עס איז דא זאכן וואס אפאר שעה וועט נישט העלפן... נאר זי באמערקט עס.

ארויפארנדיג מיט׳ן קליניק עלעוועיטער, זענען די געדאנקען געפארן אין איר קאפ. קאפ האבן געזאגט זי זאל בעסער קומען ביז 6:00, די שפעטסטע 6:15 נאכדעם הייבט זי שוין אן לייגן שלאפן די קינדער און עס וועט דארפן ווארטן אויף א קומענדיגע טאג. ניין, זי קען נישט ווארטן אויפ׳ן קומענדיגן טאג. אין די מעקלעריי ארבעט איז די חכמה ווער עס כאפט ערשט. ווער עס לייגט די האנט אויף א דירה נאך פאר עס גייט אריין אין מעקלעריי מארק, און ווער עס איז מצליח איינצורעדן דעם וואס וויל פארקויפן זיין הויז זאל עס טון דווקא דורך אים. אין דעם איז זי א פאכמאן ברוך ד׳, זי האט דעם ריכטיגן ׳חוש הריח׳ צו שמעקן וואו איז דא די ריכטיגע דירה פון וואו מען קען מאכן געלט.

לאמיר זאגן אז זי וועט ווארטן אויף איר רייע א פינף מינוט. נאך זעקס זיבן מינוט ביים דאקטער. אויב אלעס וועט קלאפן, וועט זי מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף קלאפן ביי פאמיליע קאפ אין טיר צען צו זעקס.

אבער ווי נאר זי האט אויפגעמאכט די גרויסע גלאזערנע טיר פון קליניק, האט איר הארץ אנגעהויבן צו קלאפן... דער גאנצער ווארט זאל איז געווען אנגעפילט מיט מאמעס מיט וועגעלעך און קינדער.

אין זייט איז געווען אפאר טישעלעך וואו עס זענען געזעסן פיל קינדער און געמאלן אין ביכעלעך וואס זענען דארט געווען צוגעגרייט. אין אן אנדערע זייט האבן זיך קינדער געשפילט מיט שפילערייען.

"וואס טוט זיך דא, קומט פאר א פארטי אין קליניק און מיר האט מען נישט גערופן?" האט זי געפרעגט די ערשטע פרוי וואס איז געזעסן אויף די לאנגע רייע פון בענקלעך.

"איך זע אז מען האט אייך יא גערופן, א ראיה אז איר זענט געקומען," האט די פרוי געשמייכלט צו בילא און אראפגעלייגט איר טאש אויפ'ן ערד, בילא זאל קענען זיצן. נישט זייענדיג זיכער אז זי וועט טרעפן א צווייטן זיץ-ארט אינ'ם אנגעפילטן ווארט צימער.

"איך ווייס אויך נישט וואס איז געשען," האט די פרוי אויפגעהויבן צוויי פארצווייפלטע הענט. "איך ווארט דא שוין כמעט א האלבע שעה, און עס זעט נישט אויס ווי עס רירט זיך עפעס."

בילא האט זיך אוועקגעזעצט מיט א קרעכץ. וואס זאל זי טון? זי מוז זיין ביז אפאר מינוט ביים דאקטער, זי מוז טרעפן א וועג ווי אזוי צו רוקן דא די באן, זי וועט צוגיין שרייען אויף די סעקרעטארין, אסאך מאל טוט עס עפעס אויף. א חוצפה. אזא זאך טאר נישט געשען, מען זאל צאמרופן א האלבע שטאט אין איין נאכמיטאג און מען לאזט זיי ווארטן.

בילא האט אריינגעשטעקט איר האנט אין טאש, גענומען זוכן דאס קארטל אריינצוגיין צום דאקטער. עס גייט איר נישט אן, זי האט באשטעלט א רייע אויף פינף דרייסיג, און זי איז גרייט צו ווארטן אממערסטן פינף מינוט. אדער וועט זי ארויסגיין פון קליניק גיין זען קאפ'ס דירה און דערנאך צוריק קומען, דאס קען אויך זיין א גאנג.

די דירה איז איר זייער וויכטיג. אבער גיין און קומען מיט דריי חברה איז אויך נישט אזוי פשוט.

דאס געוואונטשענע קארטל איז עפעס נישט ארויסגעקומען. אפשר איז עס צו אנגעצויגענע הענט וואס זוכן שנעל.

"ביסט מיר זייער באקאנט, איך קען זיך נישט דערמאנען פון וואו," האט די פרוי וואס איז געזעסן נעבן איר געזאגט באגלייטנדיג מיט אירע בליקן ביילא'ס זוכעניש אין טאש. אה! דאס קארטל איז געפונען געווארן. ביילא האט זיך שוין געפריידט, אבער צו פרי, דאס איז געווען א קארטל פון רעקלאמע פון איר ארבעט. "ביי ליבערמאן איז אייער הויז ווערד מער!"

ביילא האט געשמייכלט צום קארטל, זי האט ליב די גראפיק. פון ליבערמאן וואס די ל' פון ליבערמאן ווערט פון אויבן אזוי ווי א דאך, און ארום דעם ווארט איז דא שטיינער. אבער איר רעקלאמע קארטל וועט איר נישט העלפן אריינצוגיין צום דאקטער, נישט שנעל און נישט לאנגזאם... עס וועט איר אפשר העלפן זיך אויסצודרייען און גיין צום ריכטונג פון פאמיליע קאפ. זי האט אבער נאך אביסל צייט צו ווארטן.

זי האט צוריק אריינגעשטעקט איר האנט. ענדליך איז ארויסגעקומען נאך א קארטל. "יוכבד ליבערמאן," איז געשטאנען דערויף.

יעצט ווען זי האט שוין דאס קארטל אין האנט, האט זי זיך געקענט ערלויבן שמייכלען צו די פרוי וואס זאגט אז זי איז איר באקאנט.

אבער ניין, זי איז איר נישט באקאנט אויף צוריק.

"וואס איז דיין נאמען?" האט ביילא פרובירט, אפשר דער נאמען וועט רעדן צו איר, זי האט א ספעציעלן חוש צו נעמען. אויב זי האט אמאל געהערט איר נאמען וועט זי זיך דערמאנען.

"ברכי שלעזינגער."

"זייער אנגענעם אבער נישט באקאנט." האט ביילא פארברייטערט איר שמייכל. "איך בין ביילא ליבערמאן, איך ארבעט אין מעקלעריי, סיי מיט דירות צו פארקויפן און אויך אויף צו דינגען. אפשר פון דארט קענסטו מיר?" האט ביילא געגעבן נאך אינפארמאציע וואס זי פרובירט אריינצושטופן אין יעדע געלעגנהייט, עס איז אלעמאל גוט אז מענטשן זאלן וויסן פון איר, דאס איז איינע פון די בעסטע וועגן פון רעקלאמע. פון מויל צום אויער. "דאס איז מיין קארטל," האט זי געוויזן ברכי'ן.

"זייער שיין," ברכי האט עס איבערגענומען און באטראכט מיט אינטערעס, "הייסט עס אז דו ארבעטס שווער."

ביילא האט געשאקלט מיט איר קאפ מאכנדיג זיך באקוועם אויפ'ן בענקל. איר טאג איז אזוי אנגעפילט, דער זיצן האט איר נאר דערמאנט ווי שטארק זי ארבעט שווער און וויפיל זי איז אנגעשטרענגט.

"א וואקאציע אין אריזאנא וואלט מיר נישט געשאדט..." האט זי געזאגט האלב צו זיך, האלב צו ברכי'ן.

"אריזאנא? וואס איז דא צו זוכן דארט?" האט ברכי אויפגעהויבן אירע ברעמען. "אריזאנא איז ערגעץ ווי אין עק וועלט, אין אמעריקא."

"איך ווייס נישט, מיין עלטסטער ברודער איז דארט געפארן."

"דיין ברודער?" - האט יעצט ברכי אויפגעהויבן נישט נאר די ברעמען, נאר אויך אירע אויגן האבן זיך אויפגעמאכט גרויס און רונדיג. "זאג אזוי, דו ביסט א שפיגלבארג פון דערהיים? יעצט ווייס איך שוין פון וואו איך קען דיר. האט דיין ברודער געדארפט פארן אהין, אבער וואס האסטו צו זוכן דארט, ווילסט אים פארן באזוכן?"

יעצט איז געקומען ביילא'ס רייע אויפצומאכן גרויסע אויגן און גרויסע אויערן. פון וואו קען זי איר, די אומבאקאנטע פרוי? נישט



איינע אזוי ווי ביילא וואס דארף האלטן אויף אלעס קאנטראל, וועט לאזן אריבערגיין אינפארמאציע און צו קלאר מאכן פון אנהייב ביז'ן סוף.

"ווי אזוי ווייסטו, אז איך בין א שפיגלבארג פון דערהיים?"

"וואס דו כאפסט נישט? וועגן מיין שוועסטער יוכבד." נאכ'ן זאגן יוכבד איז זי געווארן שטיל, לאזנדיג אן ארט פאר דריי פינטעלעך...

ניין ביילא כאפט גארנישט.

"ווי אזוי דארף איך קענען דיין שוועסטער יוכבד, און וואספארא פארבינדונג האט עס מיט מיין ברודער וואס געפינט זיך אין אריזאנא?"

"ווייל ווייל... שוין גארנישט... נישט וויכטיג." האט ברכי פלוצלינג אנגעהויבן צו שטאמלען.

"וואס גארנישט?" ביילא איז דער לעצטער מענטש. וואס מען קען איר פטר'ן מיט א 'גארנישט' און זי מישט אריבער א בלאט און צו שטילן איר נייגער. "איך וויל דו זאלסט מיר דערציילן וועגן דיין שוועסטער."

"איין מינוט." האט זיך ברכי אויפגעהויבן און געוויזן מיט די האנט ביילא זאלווארטן. וועגן וואס האט זי זיך אזוי פארפלאנטערט און גערעדט פון איר שוועסטער יוכבד? ווען יוכבד איז דא געווען האט זי איר געזאגט אז זי מיינט אז ביי שפיגלבארג ווייסט מען פון איר עקזיסטענץ. און זי וויל זיין די וואס בינדט צו דעם שטריק פון איר זייט. איין טאג האבן זיי אפגעווארט ביילא ליבערמאן די וואס זיצט נעבן איר, זיי האבן איר געזען ארויסגיין מיט א שנעלקייט פון שטוב, עס איז געווען צופרי, אבער זי איז נישט צוריק געקומען אזוי שנעל. זיי זענען געזעסן אפאר שעה אין א גארטן נעבן ביילא'ס הויז, ביילא איז אבער נישט אהיימגעקומען. דאן האט שוין יוכבד געוואלט גיין.

> יעצט איז געקומען ביילא'ס רייע אויפצומאכן גרויסע אויגן און גרויסע אויערן. פון וואו קען זי איר, די אומבאקאנטע פרוי? נישט איינע אזוי ווי ביילא וואס דארף האלטן אויף אלעס קאנטראל, וועט לאזן אריבערגיין אינפארמאציע און צו קלאר מאכן פון אנהייב ביז'ן סוף.

"יעצט ווייס איך וואו זי וואוינט, איך וועל שוין קומען אין אן אנדער געלעגנהייט," האט איר יוכבד דאן געזאגט. אבער מער האט זי נישט געוואלט רעדן פון די אנדערע געלעגנהייט. זי האט איר נישט מיטגעטיילט ווי אזוי עס איז געווען דער באגעגעניש מיט ביילא'ן. זי ברכי, איז געווען גענוג עמפינדליך איר נישט צו דריקן. ווייזט אבער אויס אז דער באגעגעניש איז קיינמאל נישט צושטאנד געקומען... בילא ווייסט נישט צו זאגן פון יוכבד.

זאל זי אנרופן יוכבד פרעגן וואס צו זאגן ביילא'ן און וואס נישט? אוי ניין, עס איז איר אזוי נישט אנגענעם. זיי רעדן געווענליך נישט פון דעם. די בעסטע איז זיך ארויסצודרייען פון ביילא, זי וועט אהיימגיין און פארטיג.

ברכי האט אריינגעפירט דאס וועגעלע טיפער אין קליניק, איר קליינער מענדי איז געשלאפן. זי וועט קומען צום דאקטער אין אן אנדער געלעגנהייט. זי האט טאקע געוואלט דער דאקטער זאל אריינקוקן אין מענדי'ס אויער און זען אויב ער האט אן אינפעקציע, ער האט א גאנצע נאכט געוויינט. אבער וואס קען זי טון, אפשר וועט זי באלד צוריק קומען, אבער ווי אזוי וועט זי וויסן אז ביילא איז אוועקגעגאנגען? איז אפשר וועט זי גיין צו א צווייטן דאקטער און פארטיג. זי וועט נעמען א באס צו א צווייטע קליניק. דארט וועט זי זיך שוין אפהיטן נישט צו טרעפן שפיגלבארג'ס טעכטער, און אפילו אויב יא, וועט זי נישט רעדן צו זיי איבעריגע ווערטער...

עס דארף זיין פון קליניק א צווייטע ארויסגאנג, זי געדענקט אמאל ווען מען האט געארבעט ביים צענטראלן ארויסגאנג איז מען געגאנגען פון זייטיגן. זי האט גענומען גיין מיט שנעלע טריט, אן זיך אפילו איינמאל אויסדרייען.

זי איז געגאנגען ביז'ן עק קארידאר. דא דארף מען זיך איינדרייען און מען קומט אן צו א זייטיגע עפענונג. יא זי זעט שוין די טיר, א פארלייכטערונג האט זי געפילט אין אלע אירע ביינער. אזוי ווי אן ארעסטאנט וואס גייט ארויס צו די פרייהייט. ווער האט דיר דען ארעסטירט? - האט זי געלאכט פון זיך אליין אראפדריקנדיג דאס הענטל, אבער די טיר איז געווען פארשפארט, דער ארעסטאנט איז נישט באפרייט געווארן...

וואס זאל זי יעצט טון?

זי קען טון א פשוט'ע זאך, זיך אויסדרייען און צוריקגיין דעם גאנצן וועג און ארויסגיין פון די צענטראלע טיר. אבער דעמאלט וועט זי דארפן אריבערגיין נעבן ביילא'ן אין זי וויל זיך נישט טרעפן מיט איר.

זי קען זיך אויך דא אוועקזעצן ווארטן אויף איר רייע ווייט פון ביילא'ן. ווען עס וועט קומען איר רייע וועט זי אריינגיין מיט'ן קליינעם וואס נויטיגט זיך אין א דאקטער. אבער וואס וועט זיין דעמאלט? ביילא וועט איר אפווארטן אינדרויסן פון דאקטער און זי וועט איר נישט פריי לאזן. זי וועט ווארטן צו הערן פון איר און זי איז נישט א מענטש וואס קען שפילן. נעבן די זייטיגע טרעפ איז אויך געווען א זייטיגער צימער, דארט האט מען געהאלטן רייניגונגס מאטריאלן. ברכי האט נישט געטראכט צוויי מאל, זי איז אריין אינ'ם צימער און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן אלטן בענקל וואס זי האט דארט געטראפן אין ווינקל היטערן טיר. א שטילער ווינקל צו מסדר זיין אירע מחשבות.

ביילא איז געזעסן און געווארט ברכי זאל צוריק קומען. אויב זי האט נאך פריער געהאט א ספק אז עפעס מיסטעריעז שטעקט דא, האט איר ברכי מיט איר אנטלויפן אוועקגענומען דעם ספק.



ברכי וועט באלד צוריק קומען. ערשטנס האט זי דא פארגעסן א פעקל, צווייטנס נאר פון דא איז דער וועג ארויס.

אפאר גוטע מינוט איז ביילא געזעסן אין געוואַרט נאכקוקנדיג יעדע פרוי וואס גייט ארויס.

וואס איז מיט קאפ'ס דירה? - איז איר דורכגעלאפן א געדאנק אין קאפ. אוי ווי, וואס וועט טאקע זיין? אויב זי וועט נישט אפטרעטן פון דא ביז צען מינוט, וועט זי שוין היינט נישט קענען גיין זען די דירה צום פארקויפן, און וואס וועט זיין אויב אן אנדערער מעקלער וועט עס קומען זען ביז זעקס מיט פופצן, און יענער מעקלער וועט זיי איבערצייגן ארויסצוגעבן די דירה צום פארקויפן אויסשליסליך נאר דורך זיי? ניין, עס טאר נישט פאסירן, זי מוז זיין די איינע. איבערהויפט אז זי מיינט אז זי האט שוין א פאטענציאלער קונה.

אבער פריער מוז זי טוישן אפאר ווערטער מיט ברכי שלעזינגער. מיט א צווייטן טראכט, די גאנצע מעשה מיט אריזאנא האט אויסגעזען מאדנע, עפעס פארדעכטיגט שטעקט דא, זי גייט איר אויפזוכן. זי וועט נאך מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף אלעס אניאגן. אזא איז זי, מיט איר שטארקן ווילן ברעכט זי ווענט.

זי האט ארויפגעזעצט איר נחמי אין פארנט פון וועגעלע זי זאל איר נישט פארלירן גיין און אויפגעהויבן ברכי'ס פעקל. דאס איז דער בעסטער תירוץ איר צו גיין זוכן. זי האט געמאכט א שפּאַנאַזש שפאציר אין קליניק, זי האט זיך איינגעדרייט רעכטס און געגאנגען אין קארידאר ביז'ן עק. ווען זי איז אנגעקומען צום זייטיגן טיר, האט זי שוין אלעס פארשטאנען. ברכי איז ווייזט אויס ארויס פון דארט, אבער ניין די טיר איז פארשפארט.

"מאמי וואס איז דא?" האט די קליינע נחמי אנגעוויזן אויפ'ן זייטיגן צימערל.

"דאס איז א קליין צימער, שעפעלע. דא האלט מען די זייף, די שמאטעס, אלעס צום ריניגן."

ברכי וואס איז געזעסן אינעווייניג האט איינגעהאלטן איר אטעם, וועלנדיג זיין קליין און אומזעבאר. דאס איז ביילא, זי האט דערקענט איר שטימע. ביסט נישט א פאברעכער, וואס וועט זיין אויב ביילא וועט דיך באמערקן? האט זי זיך פרובירט צו זאגן. די ווערטער האבן איר נישט בארואיגט. זי איז נישט קיין פאברעכער, אבער זי וויל נישט טרעפן ביילא'ן, אוודאי נישט יעצט דא אין צימער'ל. איינער האט גערוקט די טיר.

"קום שעפעלע," האט ביילא אנגעכאפט נחמי'ן וואס האט אנגעהויבן אריינצוגיין אינ'ם צימער'ל.

"קום נחמי," האט זי איר צוריק אוועקגעזעצט אויפ'ן וועגעלע, זי האט נאכנישט איבערגעקוקט דעם לינקן קארידאר. אבער דער גיין אין לינקן קארידאר אהער און אהין האט גארנישט אויפגעטון.

אפשר איז זי פונקט אריין צום דאקטער? זי וועט איר צוריק גיין ווארטן נעבן טיר, זי וועט דאך באלד ארויסקומען.

אבער דער באלד איז נישט אנגעקומען. זעקס פופצן איז שוין געווען אמאל. דער זייגער האט שוין געוויזן אויף זעקס פינף און צוואנציג.



ביילא האט פארלוירן איר געדולד. זי קען נישט אזוי אז אלעס גייט איר ארויס פון קאנטראל, זי קען פשוט נישט ווען עס געלונגט איר נישט אויסצופירן איר ווילן. פארוואס איז היינט אלעס אזוי מיט'ן פוטער אראפ?

זי האט געקלאפט אומגעדולדיג אויף די ערד, זי איז געווען ברוגז אויף די גאנצע וועלט. ווי האט זי נישט באמערקט אז די צייט איז אריבער? אלעס איז וועגן די ברכי וואס האט באשלאסן זיך צו שפילן מיט איר באהעלטעניש שפיל.

אפשר זאל זי אנרופן קאפ, זי וועט זיך פרובירן איינבעטן זיי זאלן איר אריינלאזן שפעטער? אבער עס לאזט נישט א גוטן איינדרוק. זי מוז. זי האט פרובירט צו רופן צו קאפ. אבער זי האט נישט באקומען קיין ענטפער.

זי ענטפערט איר שוין נישט, פארטיג. זי קען ווארטן דא אין קליניק אויפ'ן דאקטער און אויף ברכי'ן.

איר רייע צום דאקטער איז אנגעקומען. ביילא איז אריין, אין פינף מינוט ארום איז זי צוריק ארויס. זי האט געכאפט א בליק אויף איר סעלפאן און געזען אז קאפ האט איר צוריק גערופן.

"אנטשולדיגט, אנטשולדיגט, אנטשולדיגט," האט איר קאפ געזאגט דריי מאל, אנשטאט צו זאגן העלא. אנטשולדיגט אויף וואס? האט זי נישט פארשטאנען.

"איך בעט אייך ממש אנטשולדיגט. איך האב געמוזט ארויסגיין פון הויז און געטראכט אייך צו רופן פון וועג אבער די באטערי פון מיין סעלפאן איז אויסגעגאנגען און איך האב נישט געהאט אייער טעלעפאן נאמער. אז איר ווילט קענט איר נאך יעצט קומען."

בילא האט געוואלט. פריער ווען זי איז געווען אויפגערעגט אז אלעס גייט איר היינט מיט'ן פוטער אראפ, האט זי זיך פשוט פארגעסן אז דער אויבערשטער פירט אלעס! ער איז עושה ומעשה ויעשה לכל המעשים, ער ווייסט וואס און ווי אזוי איז גוט פאר איר.

און וואס וועט זיין מיט ברכי'ן? אפשר איז זי שוין ארויס פון קליניק ווען זי איז געווען ביים דאקטער? אפשר נישט? אבער זי דארף געדענקען אז אויך דא ווערט זי געפירט דורכ'ן באשעפער און זי דארף זיך לאזן פירן! ■

פארזעצונג פון זייט 34

איך זאג דיר אז ער וועט זיי עס געבן"...

דער גערודער פון דעם מאטאר וואס דערנענטערט זיך האט אפגעהאקט זייער שמועס, זיי זענען גלייך געגאנגען נאנט כדי ארויפצושיקן די קומענדיגע גרופע.

די רייזע איבער די טיפע וואסער'ן איז געווען ב"ה עקסטער געלונגען, די קליינע שיפן האבן זיך געוואַרפן איבער די כוואליעס, ערלויבנדיג די זאלציגע ים וואסער אריינשפריצן איבער די גליקליכע מיידלעך.

גליקליך און צופרידן האבן זיך די מיידלעך געגרייט ארויף צו גיין אויף די באסעס וואס וועט זיי נעמען צום גרויסן פארק. ביילי מיט שרי זענען אינאיינעם געגאנגען באצאלן פאר די פארוואלטערין.

"וועלכע סארט גרופע זענען זיי, די איידעלע מיידלעך?" האט זי זיי געפרעגט, "זיי זעען נישט אויס צו זיין אין איין קלאס."

"גערעכט" האט ביילי געענטפערט, "זיי זענען א גרופע פון מיידלעך וואס גייען חסד יעדע וואך צו פאמיליעס וועלכע נויטיגן זיך אין הילף."

"וועלכע סארט הילף" איז יענע נייגעריג צו הערן.

"יעדע איינע לויט ווי עס פעלט אויס, טייל נעמען ארויס די קינדער, אן אנדערע טייל העלפן מיט פיזישע שטוב ארבעט."

"און דאס אלעס פאר חסד? דאס מיינט פאר אומזיסט?" - די פרייע פארוואלטערן האט איינגעקנייטשט איר שטערן מיט אן אומגלויבליכקייט. זי האט געגעבן א זייטיגן בליק צו די מיידלעך וועלכע האבן זיך ארגאניזירט צו ארויף גיין אויף די באסעס, "עס פאסט זיי, פאר די איידעלע מיידלעך זיך צו פירן אזוי נאבל" האט זי באשטימט און אין איינוועגס ארויס גענומען צוויי באנקנאטן פון הונדערטערס און עס איבערגעגעבן אין שרי'ס הענט, "נעם די געלט און קויף זיי אייז קרעים".

ביידע האבן געעפנט די אויגן מיט א שאק, זיי האבן זיך אבער שנעל אריענטירט און איר הארציג באדאנקט.

"זעסט איך האב דיר געזאגט." האט שרי געזאגט שטראלנדיג. "עס איז טאקע אינטערעסאנט" האט ביילי צוגעשטימט, "מיר האבן דא אבער הונדערט מיידלעך, דו מיינסט טאקע אז עס איז גענוג צוויי שקל פאר אן אייז קרעים?..."

שרי האט זיך א מינוט פארטראכט, "עס איז טאקע ווייט פון גענוג, אבער דער באשעפער וואס האט געשיקט די געלט קען זיכער שיקן נאך... איך גיי קויפן און דו וועסט זען אז איך וועל נישט צוריק קומען מיט ליידיגע הענט".

די מיידלעך האבן זיך נאך געהאלטן אינמיטן ארגאניזירן, שרי האט גענוצט די געלעגנהייט און איז אריבער צו די נאנטע געשעפט. זי האט געזאגט פאר'ן פארקויפער אז זי וויל הונדערט אייז קרעם פאר צוויי הונדערט שקל, יענער האט זיך צולאכט און ערקלערט אז די ביליגסטע אייסעס איז פיר שקל פאר א שטיק... פאר גוטע אייז קרעים מוז זי אראפלייגן א טויזנטער, פונקט ווי גע'חשבון'ט, די געשעפטן ביים פארט נוצן אויס די 'וואקאציע' מוט פון די קליענטן און בעטן הימל הויכע פרייזן, זי האט זיך באדאנקט און פארלאזט דעם געשעפט.

ביים טישל אינדרויסן פון געשעפט זענען געזעסן פיר מיטל יעריגע פרייע פרויען, "העלא," האט איר איינע נאכגעשריגן, "פארוואס האסטו גארנישט געקויפט?"

זי האט צוגעאיילט אירע טריט כדי זיי צו אויסמיידן, איינע אבער איז איר ממש נאכגעלאפן, "זאג מיר כדי איך זאל דיר קענען העלפן." זי האט געזען אז זי מיינט נישט קיין שלעכטס האט זי איר שנעל אפגעענטפערט אז זי האט נישט געהאט גענוג געלט.

אינצווישן זענען די אנדערע דריי אונטערגעקומען און געהערט איר ענטפער, זיי האבן איר נישט געפרעגט וועלכן פראדוקט זי דארף און פאר וועלכן ציל, נאר פשוט ארויסגענומען די טייסטערס און געציילט הונדערטערס, שרי האט נישט געוואלט איבער נעמען דאס געלט פון פרעמדע פרויען, זי האט זיי שנעל באדאנקט און געוואלט גיין ווייטער, זיי זענען אבער געווען פלינקער פון איר און אריין צום באלעבאס פארשטן וואס זי האט געוואלט, זיי האבן אים באצאלט די גאנצע געלט פאר די בעסטע אייז קרעים מיט'ן מהודר'דיגסטן הכשר, אזוי אז דער געשעפט מאן איז איר ממש נאכגעלאפן מיט די פושקעס און וועלכע עס איז געלעגן הונדערט צוואנציג שטיקלעך, כדי עס זאל זיין 'גענוג'.



שרי האט נישט פארשטאנען וואס דא טוט זיך, די פיר אומבאקאנטע זענען אפילו נישט געקומען אפגענומען א דאנק פאר זייער ברייטהארציגע נתינה וואס איז געגעבן געווארן אן זיי בעטן

זי איז אבער נישט געווען פארוואונדערט, עס איז איר געווען קלאר אז די מיידלעך גייען באקומען זייער פארדינטע אייז קרעים... ■